**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/7/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער HOCHUL (האקול) אנאנסירט געהאלט העכערונגען פאר ארבייטער אריבער ניו יארק סטעיט רעגירונג צו ציהען נייע ארבייטער און האלטן עקזיסטירנדע פון אוועקגיין**

***העכערונגען וועלן אנקומען צו מער פון 2,100 יעצטיגע סטעיט ארבייטער וועלכע ווערן פראפעסיאנאל אריינטרענירט ביי 46 סטעיט אגענטורן***

***טייל פון די גאווערנער'ס אלגעמיינע פארפליכטונג צו שטיצן רעגירונג ארבעטסקראפט און אפארדעביליטי***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט א סעריע פון געהאלט העכערונגען פאר אומגעפער 2,100 ניו יארק סטעיט רעגירונג ארבייטער וועלכע ווערן פראפעסיאנאל אריינטרענירט ('טרעינישיפס') צו ארבעטן אין 46 סטעיט אגענטורן כדי צו העלפן צוציהען טאלאנטפולע ארבייטער און צוריקהאלטן עקזיסטירנדע ארבייטער פון אוועקגיין. ארבייטער אין די פאסטנס וועלן באקומען אדער א 5.7 פראצענטיגע העכערונג אין זייער געהאלט אדער אן 11.6 פראצענטיגע העכערונג אין זייער געהאלט, געוואנדן אויף די טיטל פון זייער פאזיציע. די העכערונגען שפיגלען אפ גאווערנער Hochul (האקול)'ס פארפליכטונג צו אפארדעביליטי פאר ניו יארק'ס ארבייטער און פאמיליעס, בשעת'ן פארזיכערן אז די 'עמפייער סטעיט' שטעלט צו די בעסטע סערוויסעס און שוץ מאסנאמען פאר אלע ניו יארקער פאר פילע קומענדיגע דורות.

"עס קומט זיך פאר יעדער ניו יארקער צו האבן א שטארקע, סטאבילע און גערעכטע סטעיט רעגירונג. מיר פארלאזן זיך אויף אונזערע סטעיט רעגירונג ארבייטער צו אהערשטעלן די וויזנטליכע סערוויסעס אויף וועלכע מיר פארלאזן זיך יעדן איינציגסטן טאג", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די געהאלט העכערונגען וועלן אונז ערלויבן צו היטן אויף די יעצטיגע ארבייטער און צוציהען נייע ביי אונזערע סטעיט אגענטורן און רעגירונג כדי מיר זאלן קענען פארזעצן אונזער מיסיע צו ברענגען די שטיצע פון די העכסטע קוואליטעט וואס ניו יארקער ערווארטן און וואס קומט זיך זיי, יעצט און אריין אין די צוקונפט."

די העכערונגען, וועלכע גייען אריין אין קראפט היינט, וועלן העכערן די געהאלט פאר די וואס האבן די Trainee 1 טיטל פון באצאלונג שטאפל 13 (‎$49,363 יערליך) צו 14 (‎$52,198). געהאלטן וועלן אויך ארויפגיין פאר די וואס האבן די Trainee 2 טיטל פון באצאלונג שטאפל 14 (‎$52,198) צו 16 (‎$58,247).

'טרעינישיפס' ווערן גענוצט דורך פארשידענע סטעיט אגענטורן פאר אנהויבנדע פראפעסיאנאלע פאסטנס צו אריינטרענירן ארבייטער אויף די דזשאב און זיי גיבן פראקטישע ערפארונג אין די צייט וואס די מענטשן האנדלען זיך איין די נויטיגע יסודות'דיגע פעהיגקייטן. די פראפעסיאנאלע טרענירונג גייט געווענטליך אן פאר צוויי יאר, און די טרענירטע ארבייטער באקומען געהאלט העכערונגען לויט זייער הצלחה און מיטן אנקומען צו ספעציפישע דערגרייכונגען.

רוב צוויי-יאריגע פראפעסיאנאלע טרענירונגען פאדערן א קאלעדזש דעגרי אדער פארגלייכליכע ארבעט ערפארונג. ווען ארבייטער פארענדיגן מיט ערפאלג א צוויי-יאריגע טרענירונג, ווערן זיי געפעדערט צו אנהויבנדע פאסטנס מיט געהאלטן צווישן $65,000 און $83,000 יערליך.

רוב פון די טרענירונג פאסטנס זענען אין די 'פראפעסיאנאלע טעכנישע און וויסנשאפטליכע איינהייט' (Professional Technical & Scientific Unit), וועלכע ווערט פארטרעטן דורך די Public Employees Federation (PEF) יוניאן.

די געהאלט העכערונג איז ערווארטעט צו האבן די גרעסטע ווירקונג ביי די פאלגענדע אגענטורן, וועלכע האבן די גרעסטע צאל בארעכטיגטע פאסטנס: דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation), העלט דעפארטמענט (Department of Health), סטעיט אינשורענס פאָנד (State Insurance Fund), טראנספארטאציע דעפארטמענט (Department of Transportation), אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס (Office for People With Developmental Disabilities), אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health), דעפארטמענט פון ציווילע סערוויס (Department of Civil Service), אפיס פון Medicaid אינספעקטאר דזשענעראל (Office of Medicaid Inspector General), דעפארטמענט אָוו מאטאר וויהיקלס (Department of Motor Vehicles) און אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services).

מער פון 280 טרענירונג פאסטן טיטלען וועלן זעהן די העכערונגען, אריינרעכענענדיג ספעציאליטעט- און שפראך-פארבינדענע טיטלען. פאסטנס וואס באנוצן זיך מיט טרענירונגען רעכענען אריין היומען ריסאורסעס ספעציאליסט, אדמיניסטראטיווע ספעציאליסט, קאנטראקט פארוואלטונג ספעציאליסט, געזונטהייט פראגראם אדמיניסטראטאר און ביזנעס סיסטעמען אנאליסט.

די געהאלט העכערונגען זענען בלויז איינס פון די פילע איניציאטיוון פאר וועלכע גאווערנער Hochul (האקול) האט געקעמפט זינט זי איז אריין אין אפיס כדי צו פארשטערקערן און שטיצן ניו יארק'ס רעגירונג ארבעטסקראפט.

פריער דאס יאר איז די דעפארטמענט פון ציווילע סערוויס ארויסגעקומען מיט אן אויסגעברייטערטן 'ניו יארק - רעקרוטירן פאר באגרעניצטע עמערדזשענסי פאסטנס אריבער די סטעיט' (New York Hiring for Emergency Limited Placement Statewide, NY HELPS) פראגראם צו ארויסהעלפן סטעיט און לאקאלע אגענטורן צו גרינגער אנפילן ליידיגע פאסטנס וועלכע זענען אפן פאר די פובליקום. דער NY HELPS פראגראם נעמט צייטווייליג אוועק די פאדערונגען צו אריבערגיין די ציווילע סערוויס פארהער צו קענען באקומען טויזנטע פון די ליידיגע סטעיט רעגירונג דזשאבס וועלכע זענען אפן פאר די אלגעמיינע פובליקום. פאר די רעשט פון די פאסטנס פאר וועלכע עס פאדערט זיך נאכאלץ פארהערן, זענען אלע סטעיט פארהער אפליקאציע באצאלונגען אוועקגענומען געווארן ביז דעצעמבער פון 2025, נאכפאלגנדיג אן אפמאך וואס גאווערנער Hochul (האקול) האט פארזיכערט אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024.

שטייענדיג אין סעפטעמבער 30, זענען מער פון 18,500 ארבייטער אויפגענומען געווארן דורך סטעיט אגענטורן דורך דעם NY HELPS פראגראם.

די דעפארטמענט פון ציווילע סערוויס איז אויך אריין אין א שותפות מיט די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט צו אוועקשטעלן 'צענטערן פאר קאריערעס אין רעגירונג' אינערהאלב ספעציפישע לעיבאר דעפארטמענט קאריערע צענטערן. ביי די צענטערן דורך די צוויי דערמאנטע אגענטורן, אויסגעשפרייט

אריבער די 'עמפייער סטעיט', ארבעטן איינגעשטעלטע פון ביידע אגענטורן צוזאמען צו צושטעלן ארומנעמיגע שטיצע צו ארויסהעלפן מענטשן וואס זוכן דזשאבס מיט זייערע זוכערייען דורכן זיי העלפן לערנען איבער וויאזוי די סטעיט טיילט איין די קוואליפיקאציעס פאר רעגירונג ארבעט און די דזשאבס אין קאטעגאריעס, און אזוי אויך איבער דעם NY HELPS פראגראם, פארגרינגערנדיג די וועג פאר די וועלכע זענען אינטערעסירט אין סיפוק'דיגע קאריערעס אין רעגירונג ארבעט בשעת'ן פארגרעסערן און פארשטערקערן די 'עמפייער סטעיט' עקאנאמיע.

כדי צו פארשפרייטן די ידיעה איבער די טויזנטע אפענע דזשאבס און די ברייטקייט פון קאריערע געלעגנהייטן וואס זענען דא צו באקומען פאר יעדן, איז די דעפּארטמענט פון ציווילע סערוויס אויך ארויסגעקומען מיט א פילפאכיגע מארקעטינג און עפנטליכע אויפמערקזאמקייט קאמפיין דאס יאר. די קאמפיין מאטעריאלן זענען ארויסגעלייגט געווארן אויף דיגיטאלע פלאטפארמעס און אויף שילדן סיי אין ענגליש און סיי אין ספאניש, און זיי האבן ארויסגעהויבן די ווערט פון רעגירונג ארבעט און די בענעפיטן און פארשידנארטיגע געלעגנהייטן וואס זענען דא אריבער די סטעיט רעגירונג.

גאווערנער Hochul (האקול) האט אויך אונטערגענומען נאך שטאפלען צו שטיצן און פארשטערקערן די סטעיט רעגירונג ארבעטסקראפט, ווי צום ביישפיל דורכן אוועקנעמען די יארן-לאנגע אפשטעל אין רעקרוטירונג פאר די סטעיט רעגירונג, אויסברייטערן געלעגנהייטן דורך דעם גאווערנער'ס פראגראם צו רעקרוטירן מענטשן און וועטעראנען מיט דיסאביליטיס (Program to Hire Individuals and Veterans with Disabilities, 55/b/c) און דורכן צושטעלן פינאנצירונג פאר נייע פארהער צענטערן אריבער די סטעיט.

**ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון ציווילע סערוויס קאמישאנער און ציווילע סערוויס קאמיסיע פרעזידענט, Timothy R. Hogues (טימאטי ר. האָוגס), האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט זוכט די בעסטע און קלוגסטע זיך צו אנשליסן אין א סיפוק'דיגע קאריערע אין רעגירונג ארבעט. כדי צו בעסער נאכקומען די ערווארטונגען פון מענטשן וואס זוכן דזשאבס און כדי צו העלפן סטעיט אגענטורן אין א דזשאב מארקעט וואס ווערט כסדר מער און מער קאנקורירנד, טוט ניו יארק סטעיט העכערן די געהאלטן פון ארבייטער וואס ווערן אריינטערנירט כדי צו צוציהען מער קאנדידאטן – און האלטן עקזיסטירנדע פון פארלאזן – צו העלפן סטעיט אגענטורן ביים ערפילן זייערע רעקרוטירונג באדערפענישן און צושטעלן פאר די פובליקום נוצליכע און נויטיגע סערוויסעס."

**New York State Public Employees Federation פרעזידענט, Wayne Spence (וועין ספענס), האט געזאגט,** "מיר לויבן אויס די גאווערנער פארן פארזעצן צו אינוועסטירן אין די סטעיט רעגירונג ארבעטסקראפט און פארן אנערקענען די ווערט פון קאנקורירנדע געהאלטן אלס א מיטל צו רעקרוטירן נייע ארבייטער און האלטן עקזיסטירנדע פון אוועקגיין. די געהאלט העכערונגען זענען א גוטע ערשטע שריט אין ריכטונג פון ברענגען סטעיט רעגירונג געהאלטן אויף די זעלבע שטאפל ווי אין די פריוואטע סעקטאר און צו היטן אויף גאר פעהיגע רעגירונג ארבייטער און רעקרוטירן נייע. עס איז קריטיש אז מיר זאלן אדרעסירן כראנישע שטאב מאנגלען, און מיר קוקן ארויס צו זעהן די אנגייענדע איבערבליק פון די באצאלונג פון סטעיט רעגירונג ארבייטער אלס א מיטל צו אויפבויען אונזערע ראנגען און פארשטערקערן אונזער ארבעטסקראפט."

**סטעיט סענאטאר Robert Jackson (ראבערט דזשעקסאן) האט געזאגט,** "ניו יארק וואקסט מיט די איבערגעגעבנקייט און מומחיות פון אירע רעגירונג ארבייטער. דורכן העכערן די געהאלטן פאר פראפעסיאנאלע טרעינירונג פאסטנס, טוהען מיר נישט נאר עפענען טירן צו מער באריייכערנדע קאריערעס — נאר מיר טוהען דערמיט אינוועסטירן אין אט די מענטשן וועלכע מאכן אז אונזער סטעיט רעגירונג זאל אנגיין גלאטערהייט. די איניציאטיוו איז א קלארע דעקלעראציע איבער ניו יארק'ס

פארפליכטונג צו גוט-באצאלטע און סיפוק'דיגע קאריערעס אין רעגירונג, אריינציהענדיג א נייע כוואליע פון געטרייע פירער וועלכע זענען גרייט צו באדינען אונזער סטעיט."

צו לערנען מער איבערן ארבעטן פאר די סטעיט אָוו ניו יארק און איבער וויאזוי צו אונטערנעמען די קומענדיגע טריט אין ריכטונג פון א סיפוק'דיגע קאריערע אין ציבור'ישע ארבעט, באזוכט ביטע די דעפּארטמענט פון ציווילע סערוויס'ס וועבזייטל און פאַלאָוט די דעפּארטמענט אויף Facebook, Instagram, X און LinkedIn.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן